# דברות קודש

# מכ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

### אצל הדינער למען "צדקת רבי מאיר בעל הנס" כולל עצי חיים ד'סאטמאר ב"ב

### ט"ז שבט תשס"ז העעל"ט - בביהמ"ד הגדול בוויליאמסבורג יע"א

נאך די דברים היוצאים מן הלב וואס מיין ברודער האט גערעדט איז איבריג צו רעדן יעדעסווארט. ווער ס'ווייסט אביסל די היסטאריע, אביסל די השתלשלות הענינים מיט צדקת רבי מאיר בעל הנס וויאזוי דאס איז געווען, וויאזוי דאס האט זיך אויסגעשטעלט... ס'האט זיך אויסגעשטעלט אזוי, ס'איז היינט א דור אין אמעריקע – דער אינגער עולם דאהי ווייסט נישט וויאזוי ס'איז געווען אין דער אלטער היים. אינדערהיים האבן אידן געוואוינט אין אייראפע אין פארשידענע מדינות, פארשידענע מקומות, און אלע האבן געהאט א השתוקקות צו ארץ ישראל, אלע האבן זיי געהאט געוואוסט אז ארץ ישראל, דאס איז "שקל הקודש". האט זיך עס איינגעטיילט איין אלע מדינות האט מען ארגאניזירט א לאקאלע קאסע, און פון דארטן געשיקט געלט קיין ארץ ישראל, האט זיך אויסגעשטעלט אזוי, אין אונגארן, ווען מרעדט אין אונגארן מיינט מען גרויס אונגארן, נאר וואס איז געווען פאר די ערשטע קריג, אונגארן איז געווען א גרויסע מדינה, דאס איז כולל א גרויס חלק פון די היינטיגע רומעהאט זיך עס איינגעטיילט איין אלע מדינות האט מען ארגאניזירט א לאקאלע קאסע, און פון דארטן געשיקט געלט קיין ארץ ישראל, האט זיך אויסגעשטעלט אזוי, אין אונגארן, ווען מרעדט אין אונגארן מיינט מען גרויס אונגארן, נאר וואס איז געווען פאר די ערשטע קריג, אונגארן איז געווען א גרויסע מדינה, דאס איז כולל א גרויס חלק פון די היינטיגע רומעניע מיט טשעכעסלאוואקיי, אפילו א חלק פון יוגאסלאוויע, דאס אלעס האט כולל געווען אונגארן, האבן די תלמידי החת"ס ארגאניזירט אז יעדער איינער האט געשיקט דאס געלט צו א צענטראלע קאסע, דאס האט געהייסן דער נשיא, און נאר ער האט געשיקט געלט קיין ארץ ישראל, דאס איז אזוי געווען קיינער האט נישט געשיקט קיין געלט נאר ער, אלעס האט מען אהין געשיקט.

איז אזוי געווען, אונגארישע אידן האבן דאס ארגאניזירט אין אונגארן, גאליציאנער אידן האבן זיך ארגאניזירט אין גאליציע, און דארט איז געווען א נשיא ר' יצחק לייב סופר, ער איז געווען דעם כתב סופר'ס א זון, ער האט געוואוינט אין דראהביטש, ער איז געווען א גרויסער עושר, און ער איז געווען א גרויסער תלמיד חכם, תורה וגדולה במקום אחד. דעם כת"ס א זון דעם חתם סופר'ס אן אייניקל, ער איז געווען א העכסער פערזענליכקייט אין גאליציע, ער האט געוואוינט אין דראהביטש, ער האט געשיקט געלט פון גאליציע. אין פוילן איז געוועזן עקסטער. אין אוקריינע האט זיך געהאט עקסטער, ס'האט געהייסן וואהלין, איז געווען א גרויסע געגנט אין אוקריינע. און וואו די ליובאוויטשע האבן געוואוינט אין זייער געגנט האבן זיי געהאט אן עקסטערן כולל און אליין געשיקט געלט קיין ארץ ישראל. איינס פון די מסירות אויפן תניא איז, אז ער שיקט געלט קיין ארץ ישראל, און א"י האט באלאנגט פאר טערקיי, און זיי זענען דאך געווען אין רוסלאנד, און רוסלאנד מיט טערקיי זענען דאך געווען פאליטיש געשפאנט, יעצט אז דער תניא האט געשיקט געלט קיין ארץ ישראל, האט

ער געשיקט געלט פארן שונא, און געשיקט העלפן דעם טערק קעגן רוסלאנד, דאס איז געווען די מרידה במלכות וואס מ'האט אהער געשטעלט אויפן תניא ווייל ער האט געשיקט געלט קיין ארץ ישראל.

און אזוי איז עס געווען אין אלע מדינות, ס'איז נישט געווען נאר איין פושקע, סאיז נשיט געווען קיין שום אנדערע פושקע, אין בית המדרש איז געווען איין פושקע, ס'האט געהייסן רבי מאיר בעל הנס פושקע, און אין שטוב איז אויך נישט געווען קיין אנדערע פושקע, סאיז נישט געווען אזא מין זאך ווי א אנדערע פושקע, איין פושקע איז געווען אינדערהיים, דאס איז געוון וואס מ'האט געהאט, "רבי מאיר בעל הנס פושקע".

איז געווען אין מארמאראש, כאטשיק מארמאראש האט דאך באלאנגט עמטליך צו אונגארן, אבער ס'זעט זיך אויס אז מארמאראש איז געווען ווייט פון וואו די תלמידי החת"ס האבן געוואוינט, אזוי אז זיי זענען נישט אנגעקומען אהין, אזוי ווי זיבענבערגן איז אויך געווען עקסטער, ווייל זיי זענען נישט אנגעקומען אהין, האט דער מראה יחזקאל ארגאניזירט אין זיבענבערגן עקסטער פאר זיין געגנט. איז אין מאראמראש האט עס באלאנגט פאר אנדערע רבנים, זיי זענען געווען די נשיאים, און זיי האבן געשיקט געלט קיין ארץ ישראל. דאס גאנצע געלט פון בוקאווינע און מארמאראש איז געגאנגען אהין.

אין קדושת יום טוב'ס צייטן איז געווארן אזא אנגעצויגנקייט, ס'האט זיך געמאכט אזוי פראבלעמען, און ס'איז געקומען אידן פון ארץ ישראל זאגן אזוי ווי זיי באלאנגען נישט אהין געט מען זיי נישט קיין חלוקה געלט . איז געווארן אזא פראבלעם, און דער קדושת יום טוב איז שוין געווען בסוף ימיו און ער האט אנגעהויבן צו ארבעטן אז מ'זאל זיך אפטיילן און מאכן אן עקסטערן כולל. היינט פארשטייט מען נישט וואס הייסט מ'דארף, מאכן אן עקסטערן כולל כ'מאך מיר אן עקסטערן כולל, מ'האט דעמאלטס נישט געקענט סתם אזוי, ס'איז געווען א טענת חזקה, און דער קדושת יום טוב, איינס פון די זאכן וואס ער האט אנגעזאגט פארן זיידן ווען ער האט אים איבערגעגעבן דאס רבנות אז ער זאל זען צו גיין ווערן זעלבסטשטענדיג, ער זאל זען צו מאכן אן עקסטערן כולל.

דער זיידע ז"ל איז נאך געווען א אינגערמאן ווען ער האט איבערגענומען דאס רבנות אין יאר תרס"ד און באלד נאכדעם האט ער אנגעהויבן צו ארבעטן דערויף ער זאל קענען האבן א פושקע, ער זאל מעגן האבן א פושקע, און ס'איז געווארן א פייערדיגע מחלוקה אין מארמאראש, מ'קען זיך דאס גאר נישט פארשטעלן ווי ס'האט זיך איבערגעקערט מארמאראש איבערדעם וואס ער האט געוואלט מאכן עקסטערע פושקעס. סוף כל סוף איז עס געקומען צו א דין תורה, (איך האב אינטערעסאנטע בריוון אויף דעם, זייער אינטערעסאנטע בריוון, הזמנות, פונעם זיידן וואו ער שרייבט בנוגע די ענינים) ביים ערוגת הבושם, דארט איז געווען די דין תורה, און דער ערוגת הבושם האט גע'פסק'נט אז אויף אפאר שטעטלעך קען מען און אפאר שטעטלעך קען מען נישט. ממש מ'האט זיך צוטיילט דא יא און דא נישט.

בקיצור די דין תורה האט אים ערלויבט מ'קען האבן א כולל, מאכן זיך עקסטערע פושקעס און אליין שיקן געלט קיין ארץ ישראל, דאס האט נאר געקענט גיין דורך א דין תורה, און מ'קען גאר נישט זאגן וואס דאס האט אים אפגעקאסט עגמת נפש, די דאזיגע מחלוקה. איך האב ביים טאטן אסאך צוזאם געהערט ענינים וואס דאס איז געווען א מחלוקה איבער די פושקעס, ס'איז דא בריוון נאך היינט, ווי ער האט געשיקט דאס געלט קיין ארץ ישראל, יעדע דריי חדשים האט ער געשיקט דאס געלט, עס איז דא אפאר בריוון וואו ער שיקט אליין דאס געלט – כך וכך – קרוינען האט עס געהייסן (ער שרייבט כתרים אויף לשון הקודש) שיקט ער 500 כתרים, דאס הייסט 500 קרוינען

(ראניש האט מען עס גערופן אויף אידיש) האט ער געשיקט געלט אהין קיין ארץ ישראל מיט א רשימה וויאזוי אויסצוטיילן אזוי איז עס אנגעגאנגען ביז דער זיידע ז"ל איז נפטר געווארן.

דער טאטע ז"ל האט געזען נאך אינדערהיים האט ער מיטגעזען דעם צער די עגמת נפש וואה ס'האט זיך אפגעטון אינדערהיים, און ער האט כמה פעמים געזאגט, אז דבר שנצטער בו אותו צדיק, וואס ער (דער עצ"ח זי"ע) האט זיך אזויפיל מצטער געווען אויף דעם ער זאל עס קענען מחדש זיין. (ס'האט זיך אים געמאכט א געלעגנהייט, ר' יצחק ברוך האט עס פארציילט, ס'איז געווען תשל"ח, איך געדענק נאך גוט די מעשה, האט ער דעמאלט'ס געוואלט מאכן אין ירושלים, ולא עלתה בידו, און ס'איז נישט געראטן דעמאלט'ס) שפעטער איז געקומען די צווייטע געלעגנהייט ווען מ'איז אים געקומען זאגן, ר' אורי שווארץ איז עס געווען, מ'איז געקומען מאכן אין בני ברק א כולל, האט ער באשלאסן אז ער גייט מאכן א כולל אין בני ברק.

ער האט עס אליינ'ס, האלב האט ער אליין באצאלט פון די אייגענע טאש, האט ער באצאלט יעדן חודש, די אנדערע האלב האט ער געהייסן ר' אורי אז ער זאל צוזאמשטעלן , אזוי ר' אורי איז געווען א שותף ער האט באצאלט איין העלפט, ר' אורי האט צוזאמגעשטעלט די צווייטע העלפט. דער טאטע ז"ל פלעגט צו באקומען געהאלט פון קהל , קהל פלעגט אים צו געבן דאס געהאלט צוויי מאל א יאר אזוי האבן זיי זיך געפירט, ער האט גענומען דאס גאנצע געהאלט וואס ער האט באקומען, אוועק

געשיקט קיין ארץ ישראל. מיין ברודער הרב ר' שלום אליעזר ער איז געווען גבאי צדקה ביים טאטן ז"ל האב איך אים געזאגט מכבדו בחייו מכבדו במותו, איך בעט זאלסט ווייטער זיין דעם טאטנ'ס גבאי צדקה, דאס איז דעם טאטנ'ס קופת צדקה, זע ווייטער צו זיין, ער זאל האבן דעם טיטל און טראגן דעם נאמען נשיא הכולל, ער פלאגט זיך דערפאר און ב"ה ס'גייט אן מ'איז ממשיך אזוי, מ'שיקט געלט קיין ארץ ישראל.

נאר וואס דען, פון דעמאלט'ס ווען דער טאטע האט עס געמאכט ביז היינט איז עס שוין אסאך אסאך מער ניתוסף געווארן געווארן ספסלי ביהמ"ד ס'איז געוואקסן און ס'איז געווארן נישט דאפעלט, נאר אסאך מער ווי ד' וה' איז עס געדאפעלט געווארן, ס'איז צוגעקומען אין כולל די ישיבה האט ארויס געגעבן פרישע אינגעלייט און אידן זיצן זענען זיך ממית באהלה של תורה.

איז עס א גרויסע ענין, מ'זאל עס זען ווייטער מחזק זיין און געבן געלט. די פושקעס מיט געלט בכל אופן שיהי' וויאזוי ס'זאל נישט זיין,

**דער אמת איז, מ'האט אלץ אלעמאל געגעבן געלט קיין ארץ ישראל - דורך פארשידענע וועגן - פארשידענע כוללים - ס'איז געווען מ'האט אלעמאל גענומען א חלק. איך האב אינזין געהאט אזוי: מ'שיקט שוין געלט קיין ארץ ישראל, פארוואס זאל מען דאס נישט געבן פאר אחינו בשרינו, די אחינו לדעה, "די זעלבע געלט וואס מ'שיקט, זאל מען דאס געבן פאר היימישע מענטשן" איך מיין, זאלן אידן וואס זענען נתגדל געווארן ביי אונזערע מוסדות זיי זענען דאך אויכעט תושבי ארץ ישראל און לומדי תורה פונקט ווי אנדערע, קען מען דאך יוצא זייןביידע. זאל מען זען מחזק זיין צדקת רבי מאיר בעל הנס, תושבי ארצינו הקדושה, און וואס זענען אנשי שלומינו אויך !**

איך האף אז אינעם זכות פון טאטן ז"ל, און דער זכות פון החזקת התורה, בפרט תורת עניי ארץ ישראל וואס האט א געוואלדיגן כח הקדושה זאל מגין זיי אויף די אלע תומכים, די אלע מסייעים, זאלן געהאלפן ווערן און געבענטשט ווערן בכל מילי דמיטב, ביז דער אויבערשטער וועט העלפן מיר זאלן אלע זוכה זיין צו גיין קעגן דעם גוא"צ בב"א.

# בא ברוך ה'

באותות כבוד ואהבה, נקדם בברכת ברוך הבא, את פני הדרת גאון האי גברא רבא, מורה דרכינו ומאיר נתיבתינו, הנחקק וצמוד באהבה בקירות לבבינו, המאור הגדול לממשלת התורה, מפיח רוח חיי"ם בתלמידיו הנאמנים בישיבתינו המעטירה, בתוככי קהילתינו הק' בני ברק המפוארה, צב"י ואתרעי בן ומסר לן אורייתא, יקריה מטיל עליה ביומי ולילותא, יום ולילה יביע אומר, בפלפולים נחמדים דמתה לתמ"ר, נזר יופי כליל תפארת, לבית אבותיו עטרת, אוזן קשבת לכל אשר אליו פונה, בעצה ישרה וברוח נכונה, ובפרט אל תלמידיו כבניו דואג ומוסר נפשו בכל עת ועונה, בסבר פנים וברוח נאמנה, עומד לנס קהילתו, על ישראל הדרתו, הרבה חכמה והרבה ישיב"ה, הוא הודה והוא זיוה, ענוות חן נסוך על פניו, ושמו הטוב בזיכוי הרבים הולך לפניו, פרי צדיק עץ חיי"ם כש"ת

### הגה"צ פאר מקדושים

# רבי חיים צבי מייזליש שליט"א

### ראש ישיבת מהרי"ט ד'סאטמאר ב"ב - אבדק"ק סאטמאר אלעד יצ"ו

## לרגל הופעתו בשערי עירינו וויליאמסבורג יע"א
## למען עריכת המגבית השנתית לטובת מבצר התורה ועמוד ההוראה
# כולל "עצי חיים" ד'סאטמאר צדקת רבי מאיר בעל הנס
## המתנוסס לשם לתהילה ולתפארת בעיה"ת בני ברק יצ"ו

יהא בואו לברכה, ויזכה לרומם קרן התורה והיראה אלף פעמים ככה, ובכל אשר יפנה ישכיל בהצלחה, וימשיך בהרבצת התורה ברבי' והמשכה, ויפיץ מעיינותיו חוצה בלי קצבה והערכה, להשקות צמאי תלמידיו הנאמנים השותים דבריו בהערצה והערכה, ועוד רבות בשנים יפאר וירומם קרן קהילתו כדת וכהלכה, מתוך תענוג ונחת והרווחה, עד ביאת מלכא משיחא, אכי"ר.

## המקבלים פניו בהדרת כבוד ויקר תלמידיו שומעי לקחו
# יוצאי ישיבת מהרי"ט בארה"ב